# בצילא דמהימנותא עילאה

עלון פנימי ובלתי מוגה יו"ל פה קרית מלך רב שיכון סקווירא יע"א / עלון קכ"ז - פרשת בלק שנת תשפ"ד לפ"ק

## למיתב בצילא

**הבהרה ובקשה:** אזוויי דער דאזיגער בלעטל איז א גליון פנימי בלתי מוגה, וואס ווערט ארויסגעגעבן דורך א יחיד וואס פארשרייבט זיך זיינע אייגענע רשימות פון אינטערעסאנטע קרישקעלעך און אומבאריכטעטע נייעס'לעך בבית חיינו, ווילן מיר בעטן אז מ'זאל דאס ביטע נישט ארויפשטעלן אויף קיין שום ציבור'ישע פלאטפארמעס וכדו', דאס צו באקומען קען מען זיך ווענדן צום מוציא לאור. תודה רבה ויישר כחכם.

### ביים רבי'ן אין מאליבו - שב"ק פרשת חוקת ז' תמוז שנת תשפ"ד לפ"ק

דעם שב"ק פרשת חוקת דער ערשטער פון די דריי שבתים וואס דער רבי שליט"א האט זיך געפונען אין מאליבו למנוחת הנפש, האבן זיך דעם רבי'נס פיר זיהן געפונען צושפרייט בארבע כנפות הארץ אויף פיר אנדערע ערטער איבער די וועלט, ווען צוזאמען מיטן רבי'ן ביים מערב-ברעג פונעם אמעריקאנעם קאנטינענט האט זיך געפונען בנו הגדול הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א אזוי אויך חתנו הגדול כ"ק האדמו"ר מראחמסטריווקא שליט"א, און די אנדערע דריי זיהן האבן זיך געפונען אויף נסיעות פאר שמחה'דיגע צוועקן לרגל השמחות שבמעונם. הרה"צ רבי יצחק שליט"א איז געקומען צו פארן פון קאליפארניע צום קרית מלך רב לרגל דער שמחת הוואך-נאכט און ברית מילה פון נכדו הנולד למז"ט, און האט געפראוועט א געהויבענעם שבת של שמחה אויפן אנדערן עק פון די פאראייניגטע שטאטן אינאיינעם מיט אלפי תושבי השיכון וועלכע האבן זיך מתחמם געווען לאורו הבהיר און מיטגעפריידט בשמחת בית צדיקים.

הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א האט זיך פון אנהייב וואך געפונען אויף א הייליגער מסע התפילות 'תתקבל צלותהון' צו די קברי האבות אין פוילן-ראמעניא-אונגערן לקראת דער שמחת החתונה פון בנו החתן וועלוול ני"ו וואס קומט אי"ה פאר בעוד חודש ימים דעם קומענדיגן י"ז מנחם אב הבעל"ט בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל, און געפראוועט דעם שבת אינעם אייראפייאישן קאנטינענט אין שטאט ליזענסק, און הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א האט זיך פון אנהייב וואך געפונען אין ארה"ק אינאיינעם מיט בתו הכלה מתפלל צו זיין ביי די מקומות הקדושים לקראת דער שמחת החתונה וואס קומט אי"ה פאר דעם קומענדיגן חודש כסליו למז"ט, און האט געפראוועט דעם שבת אין שטאט בני ברק.

דעם אנהייב וואך נאכדעם וואס עס האבן זיך אהיימגעקערט פון מאליבו די שבת'דיגע געסט און משתתפים פון פאריגע וואך, זענען געקומען צו פארן קיין מאליבו דעם רבי'נס קינדער הרה"צ רבי יצחק שליט"א, און הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א וואס איז געקומען צו פארן דירעקט פון ארה"ק א נסיעה פון זעכצן שעה, און האט מאנטאג ביי קריה"ת אין מאליבו געבענטשט 'גומל', (נאכן גרויסן נסיעה קיין קראקא פאריגן ווינטער האבן דער רבי שליט"א און די קינדער געבענטשט גומל הערשט נאכן פארענדיגן דעם נסיעה אהיימקומענדיג פון מאליבו מיט א וואך שפעטער). ביי די תפילות במשך די וואך האבן זיך דעם רבי'נס דריי זיהן וואס האבן זיך דארט געפונען איינגעטיילט מיט די תפילות, אז פאר יעדעם זאל אויסקומען צו דאווענען אן אנדערע תפלה פארן עמוד, שחרית, מנחה און מעריב.

די וואך זענען געקומען ווייל אין מאליבו אויפן המשך הנסיעה פאר די קומענדיגע צוויי וואכן: מוה"ר יושע אונגער הי"ו פון די קביעות'דיגע משתתפי הנסיעה, און מוה"ר משולם גרינוואלד הי"ו פון די משתתפים אינעם צווייטן חלק הנסיעה, אויף שבת ווערן זיך אויך געפונען ביים רבי'ן אין מאליבו דעם רבי'נס הויז-קעכער מוה"ר אברהם יושע העשיל פעלבערבוים וואס געפונט זיך שוין דארט פון אנהייב וואך זיך אפצוגעבן מיטן רבי'נס מאכלים, און די שבת'דיגע געסט, דעם רבי'נס אייניקל הרב יעקב יוסף בן הרה"צ רבי יצחק שליט"א לויטן סדר פון די נכדי המלוכה און הרב ר' דוד לאפפלער שליט"א צו קענען איבערגעבן נאך שבת א חזרה פון די דברות קודש בליל שב"ק פאר די ציבור החסידים.

מיט פרייד האבן תושבי השיכון די וואך אויפגענומען אז אויך אויף דעם צווייטן אפוועזנדעם שבת פונעם רבי'ן וועט מען זוכה זיין צו האבן צוגאסט אין שטעטל איינער פונעם רבי'נס קינדער לעשות את השבת מיט די ציבור החסידים וועלכע זענען משתוקק צו א שבת בצילא דמהימנותא עילאה, ווען דעם שב"ק פרשת בלק וועט הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א ווייילן אויף שבת אין שטעטל און אנפירן מיט די תפילות, מסיבת מרעים און שלוש סעודות. פאלגענד איז דער רשימת הניגונים וואס ווערן געזינגען ווערן דעם שבת ביי די שלחנות הטהורות ביים רבי'ן אין מאליבו. פרייטאג צונאכטס: מנוחה ושמחה - ניגון התעוררות של הרה"ק ר' שמואל מקאמאדע זצוק"ל (מערכת קול התורה: ‎#845-678-8363-8-2-9-20) קה ריבון עלם - ניגון ר' משה חיים ראזענבלום, צור משלו - ניגון הידוע עם המילים (ר' יושע ברויער), טאנץ-ניגון 'וישמיענו' (ר' יושע ברויער), ניגון הכנה צו די דברות קודש - 'השבת נועם הנשמות' (זידיטשויב). יום שב"ק: יום זה מכובד - מארש 'מזמור שיר חנוכת הבית' (ר' יושע ברויער), ברוך קל עליון - ניגון 'סלח נא' של הרה"ח ר' חיים יושע פשעמיש ע"ה (מערכת קול התורה: ‎#8-2-9-26), דריטער ניגון ביי שלוש סעודות - 'ואני בחסדך בטחתי' (ר' שמואל איצקאוויטש), ניגון בשעת הערינג-טיילן - 'אשירה לה'' (ר' יושע ברויער), דרור יקרא - ניגון 'הקשיבה לקול שועי' (ר' יושע ברויער).

שב"ק איז אפגעראכטן געווארן ביים רבי'ן שליט"א צוזאמען מיט די מנין פון די קינדער און מקורבים, די כיבודים ביי די תפילות און טישן זענען געווען מער וויניגער אזויווי געווענטליך אין די שבתים אין מאליבו, ווען מיט 'תפלת מוסף' ביום השבת האט דער רבי שליט"א מכבד געווען בנו הגדול הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א, וואס אזויווי דאס דאווענען פארן עמוד אין די מאליבו-שבתים איז א קביעות'דיגע זאך ביים רבי'נס קינדער אין די שבתים וואס דער רבי דאווענט נישט פארן עמוד, וואלט דאס נישט דאווענען געווען אבילות בפרהסיא. כ"ק האדמו"ר מראחמסטריווקא חדב"ן שליט"א איז מכובד געווארן מיטן 'בענטשן' פרייטאג צונאכטס, עליית 'שלישי' ביי קריה"ת, 'פתיחת הארון' ביי אנעים זמירות, און 'הגבהת הכוס' ביי הבדלה מוצאי שב"ק, ווען שבת בייטאג נאך מנחה האט דער ראחמסטריווקער רבי שליט"א איבערגעגעבן א שיעור אין פרקי אבות פאר די משתתפים באמירא דכוותא.

אין שטעטל איז דעם שבת פארגעקומען דער שמחת הברית מילה בבית המלכות פארן בן הנולד ביים רבי'נס אייניקל הרב שלום גראס שליט"א, און אויך ביים רבי'ן אין מאליבו האט מען זיך מיטגעפריידט מיטן שמחה בבית צדיקים, אנגעהויבן פון דאנערשטאג נאכט נאך מעריב ווען די משתתפים זענען אריין אל הקודש פנימה מקבל זיין פונעם רבי'ן שליט"א א מטבע לרגל דער שמחת הקרי"ש-ליינען זינגענדיג א ניגון שמחה, אויך שפעטער ביים ווערכענטליכן ליל שישי צוזאמקום פון די משתתפים - ווי דער משב"ק הר"ר דוד האט פארגעלערנט מאור עינים - האט מען געזינגען ניגוני שמחה לרגל דער שמחת הוואך-נאכט. פרייטאג צונאכטס איז אפגעראכטן געווארן דער שמחת השלום זכר ביים טיש מיט ניגוני שמחה נאכן בענטשן ווי מ'האט אויך אריינגעברענגט זכר-בונדלעך פארן רבי'ן שליט"א וואס איז א צוגעלייגטע מאכל אין די מאליבו-שבתים, און די משתתפים זענען צוויי מאל אריבער וואונטשן לחיים ביים טיש.

שבת בייטאג נאך תפלת מוסף עטליכע שעה נאכדעם וואס אין שטעטל איז פארגעקומען דער שמחת הברית האט דער רבי שליט"א מודיע געווען פאר הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א דער נאמען פונעם רך הנימול וואס דער רבי שליט"א האט געגעבן, ווען שטייענדיג אינעם יאר פונעם רעבעצין ע"ה האט דער רבי א נאמען געגעבן נאך איר פאטער חותן המלך דער ישועות משה זצוק"ל, און אזויווי מ'האט נישט געקענט געבן דער גאנצע נאמען און דער רבי געבט נישט קיין צעטיילטע נעמען, האט דער רבי שליט"א צוגעגעבן דער נאמען 'מאיר' נאכן עלטער-זיידן פונעם ישועות משה דער אמרי נועם מדזיקוב זצוק"ל וועמענס יארצייט איז אויסגעפאלן צומארגנס זונטאג ח' תמוז, ונקרא שמו 'מאיר יהושע'.

נאכן הערן דעם נאמען זענען די משתתפים אריבער לפני הקודש וואונטשן 'א גוט שבת' און 'מזל טוב', דערנאך ביים קידוש פון די משתתפים אינאיינעם מיטן רבי'נס קינדער האט מען געזינגען א ניגון שמחה לרגל דער שמחה בחצר הקודש, ווען דער רבי שליט"א געפונט זיך בחדר קדשו דערנעבן. אז מ'האט דערמאנט די נעמען בשייכות מיטן רעבעצין ע"ה איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז אויך די וואך וואס דער רבי שליט"א האט זיך נישט געפונען אויף שבת מיטן ציבור, איז נישט אויסגעלאזט געווארן פון א נאמען געבן ביים רבי'ן נאכן רעבעצין ע"ה, אזויווי רוב רובם פון די פארגאנגענע וואכן און חדשים זייט די פטירה פון די רעבעצין ע"ה, ווען ביי קריה"ת אין מאליבו איז אויך געגעבן געווארן א 'חיה חנה' לבת הנולדה ביי אחד מאנשי שלומינו, ווען דער רבי שליט"א וואונטשט דערנאך 'מזל טוב'.

מ'שטייט שוין טאקע צוויי וואכן נאך די הייליגע מעמדי 'השכינה בשכונותינו' וואס זענען פארגעקומען דעם פארגאנגענעם פרשת קרח אין אלע שכונות פון שטעטל, אבער די התעלות און התחזקות צו וואס דאס האט צוגעברענגט שפירט זיך נאך ביי אלע תושבי השיכון צוגלייך, דאנקענדיג און לויבנדיג דעם אייבערשטן אז מ'האט ב"ה זוכה געווען צו אזא מעכטיגע הצלחה מיט דעם 'הן עם לבדד ישכו"ן ובגוים לא יתחשב', ווי דער פסוק זאגט די וואך און די ספה"ק זאגן אז דאס טוט מרמז זיין אויף די השראת השכינה ביי אידן, און די וואך ווען מ'וועט ליינען דער פסוק 'מה טובו אהלך יעקב משכנותיך ישראל', וועט דאס געוויס פארמאגן אסאך א שטערקערן באדייט, אויך אין די שטיבלעך דחסידי סקווירא שפירט זיך נאך טיף די התעלות פון די הייליגע מעמדי 'והופע שכינתך' וואס זענען פארגעקומען אין די פארלאפענעם ימי הספירה.

דעם שבת אין מאליבו ביי די דברות קודש פרייטאג צונאכטס - וואס האט זיך פארצויגן פאר נאנט צו פערציג מינוט - האט דער רבי שליט"א אויך נאכגעזאגט א ווארט איבער די חשיבות פון 'גדרים וסייגים', אין א תקופה וואס דער רבי דערמאנט כמעט יעדע וואך איבער דעם ענין, שטייענדיג אין א זמן וואס חסידי סקווירא אלוועלטליך זענען זיך שטארק מחזק אין די גדרים וסייגים אינערהאלב די דערמאנטע מערכות קודש זיך מקבל צו זיין אויף זיך צו זיין געטריי לה' ולתורתו לאורך ימים. די וואך איז דער ענין דערמאנט געווארן אינעם דרוש פונעם אזולאי אין צווארי שלל אויף די פסוקים פון דער הפטורה ביי דער דין ודברים פון די זקני גלעד מיט יפתח, איבער דעם ענין וואס איז נוגע להלכה אז ווען א מענטש לייגט צו מער וויפיל ער דארף איז א סימן אז ער איז מסכים צו די זאך, ווען אינמיטן דעם דרוש ברענגט ער א הדרכה אז פון דעם וואס ווען מ'איז מוסיף מער וויפיל מ'דארף איז דאס א הוכחה אז מ'טוט דאס פונעם אייגענעם ווילן - זעהט מען די מעלה פון 'גדרים וסייגים', ווייל אויב מ'איז מקיים די גדרים וסייגים און מ'איז מוסיף א שמירה אויף די עצם מצוות, ווייזט דאס אז אויך די עצם מצוות טוט מען מרצון הטוב, און דער רבי האט אויסגעפירט: **"און דאס איז א זכות אז מ'טוט דאס בלב שלם!"**

נאך עטליכע פארשידענע נייעס'לעך פון מאליבו. אויף דעם שבת כשהמלך בשדה האט דער רבי שליט"א באנייעט א נייעם זילבערנעם טאץ פאר די חלה ביי די עריכת השלחנות דארט אין מאליבו, וואס איז געקויפט געווארן דורך איינער פון די קביעות'דיגע משתתפי הנסיעה. פאריגע וואך ווען איינער פון די משתתפים קבועים אין מאליבו האט דערמאנט פארן רבי'ן שליט"א דער יום הולדת פון בנו הבחור וואס האט פאריאר בר מצוה געהאט דארט באותו מקום אין מאליבו, זאגנדיג בדרך צחות אז דער בחור וויל נאכאמאל בר מצוה האבן (כדי צו קענען קומען נאכאמאל...) האט זיך דער רבי שליט"א אנגערופן אויף דעם: **"ער איז נאכאלץ בר מצוה, ביי די אמעריקאנער איז דא אזא זאך אז מ'האט איינמאל בר מצוה און דאס איז עס... אבער אונז האלטן עס אן אויף ווייטער אויך!**

א היסטארישער אנטוויקלונג איז געווען די וואך אין די גזע היחס לבית סקווירא, מיטן געבורט פון אן אור-אור-אור-אור אייניקל צו כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה, ווען עס איז געבוירן געווארן דעם עלטסטן אור-אייניקל ביים רבי'ן ז"ל'ס עלטסטן אור-אייניקל כ"ק האדמו"ר מוויזשניץ-ב"פ שליט"א, בת הנולדה לנכדו הרב חיים מאיר טירנויער שליט"א, וואס איז אויך דער עלטסטער דור שביעי ביי הרה"ק רבי פיניעלע מאוסטילא זי"ע און עלטסטער דור שמיני ביי זיין פאטער הרה"ק רבי מאטעלע מראחמסטריווקא זי"ע און ביי זיין שווער הרה"ק דער פריערדיגער בעלזער רב זי"ע, וואס באדייט אויך אז כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז מיט דעם געווארן אן עלטער-עלטער-עלטער פעטער!

אן אינטערעסאנטן באמערקונג ווערט צוגעוויזן אז דער מרחק אין דורות צווישן דאס ניי-געבוירן קינד און כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה, איז דער זעלבער מרחק אין דורות ווי דער רבי ז"ל צום בעל שם און דער זעלבע מרחק ווי יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א צום מאור עינים! נאך איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז אינעם זעלבן נאכט פונעם שמחת האירוסין פון די עלטערן פון דעם קינד מיט צוויי יאר צוריק, איז פארגעקומען דער שמחת הוואך-נאכט פון הילד משה יהושע בן הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א, און עס איז דאן אנגעוויזן געווארן אן אינטרעסאנטער המצאה וואס טוט צייגן דער גרויסער חילוק אין דורות וואס עס איז דא ביי די אור-אייניקלעך פונעם רבי'ן ז"ל, אז אינעם זעלבן נאכט וואס איין אור-אייניקל פונעם רבי'ן ז"ל האט געפראוועט זיין אייגענעם וואך-נאכט, האט אן אנדערע אור-אייניקל געפראוועט דער שידוך פון זיין עלטסטן אייניקל!

# שב"ק פרשת חוקת בראשות בני כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א עלי דרך

**שבת אין שטעטל - בראשות הרה"צ רבי יצחק שליט"א**

א דערהויבענעם שבת האבן תושבי השיכון זוכה געווען מיטצולעבן די וואך, ווען דעם ערשטן אפוועזענדעם שבת פונעם רבי'ן האט מען זוכה געווען צו פראווענען בראשות הרה"צ רבי יצחק שליט"א וואס איז ספעציעל אהיימגעקומען אויף שבת לרגל השמחה במעונו. צו דעם וואס עס איז פאריגע וואך דערמאנט געווארן אז עס איז דאס ערשטע מאל וואס הרה"צ רבי יצחק שליט"א פראוועט א שבת אין שטעטל אן דעם רבי'ן און האלט נישט מיט א פריוואטער שבת ביים רבי'ן, דארף צוגעלייגט ווערן אז דער פריערדיגע מאל וואס הרה"צ רבי יצחק שליט"א האט זיך נישט געפונען אויף שבת מיטן רבי'ן בעת א נסיעה, איז געווען זייענדיג א קינד פון ניין יאר אלט בשנת תשל"א ביים מסע הקודש קיין ארה"ק ווי דער רבי שליט"א האט נישט מיטגענומען די צוויי עלטסטע קינדער.

הרה"צ רבי יצחק שליט"א איז במשך שבת מכובד געווארן מיט אלע רעבישע כיבודים אריינגערעכנט 'תפלת מוסף' לפני התיבה. ביי די תפילות במשך שבת האט דעם רבי'נס זוהן כמובן צוערשט געזאגט עקסטערע קדיש און דערנאך די אנדערע חיובים ווי יעדע וואך, און נאכן דאווענען איז מען אדורך וואונטשן 'א גוט שבת', און מוצאי שבת 'א גוטע וואך' און 'א גוטן חודש', פרייטאג צונאכטס האט הרה"צ רבי יצחק שליט"א דערציילט סיפורים פון די בעלי הילולא פון די וואך: הרה"ק רבי מאטעלע קוזמירער זי"ע, הרה"ק רבי שלמה'קע סאווראנער זי"ע, הרה"ק רבי הערשעלע זידטשויבער זי"ע, הרה"ק רבי מאטעלע קרעמניצער זי"ע, און הרה"ק דער אמרי נועם זי"ע באגלייט מיט כמה דיבורים וסיפורים וואס דער אמרי חיים זי"ע האט נאכגעזאגט פונעם אמרי נועם מיט הוספות פונעם אמרי חיים. הרה"צ רבי יצחק שליט"א האט באזונדער גערעדט איבער דעם ענין וואס ער דערמאנט לעצטענס אסאך וועגן דאווענען אויפן קול וואס דער רבי שליט"א איז כסדר מעורר.

צו דעם אלעם איז צוגעקומען די דריי חלקי השמחה מיט וואס מ'האט זוכה געווען זיך מיטצופרייען במשך שבת. חלק א'. דער שמחת השלום זכר פרייטאג צונאכטס צוזאמען מיטן 'אסיפת מרעים' ווען דאס מאל איז צוגעקומען אז ביים מסיבת מרעים האט מען געזינגען אלע ניגונים, נישט בלויז 'מנוחה ושמחה' און 'קה אכסוף', אויך האט מען אריינגעברענגט פארן רבי'נס זוהן די מאכלים פון קוגל, מייערן און קאמפאט, און נאכן בענטשן - פירות און בונדלעך בשעת דער ציבור זינגט ניגוני שמחה, און ביים ריקוד פונעם גאנצן ציבור אויף די פלעצער האט זיך אויך דער אויבן-אן אויפגעשטעלט טאנצן, און איז פארענדיגט געווארן נאך 2:00 מיט לחיים-געבן פארן רבי'נס זוהן און חתנו ומחותנו די בעלי השמחה.

חלק ב'. דער שמחת הברית מילה שבת בייטאג, ווען ביי קריה"ת איז דער בעל שמחה הרב שלום מכובד געווארן מיט עליית 'שלישי' ווען דער גאנצע עולם וואונטשט צוזאמען 'מזל טוב' פארן רבי'נס זוהן. דער ברית מילה איז אפגעראכטן געווארן אויפן גרויסן פלאטפארמע פארענט פונעם ארון הקודש בהשתתפות כל הקהל הקודש, ווען מיט די כיבודים ווערן מכובד די בני המשפחה, הרה"צ רבי יצחק שליט"א מיט 'סנדקאות' און די בני המשפחה מיט די חיקות, ווען די דריי עלטסטע איידעמער פון הרה"צ רבי יצחק שליט"א ווערן מכובד - הרב יעקב יוסף בן הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א מיט 'כסא של אליהו', הרב יעקב יוסף בן האדמו"ר מראחמסטריווקא שליט"א מיט 'הבאה לעומד לברכות', און הרב איתמר כ"ץ שליט"א מיט 'חיקה ראשונה'. דערנאך האט מען זיך אוועקגעזעצט צום קידושא רבא מיט ניגוני שמחה און דערנאך 'לחיים-געבן'.

חלק ג'. דער סעודת ברית ביי שלוש סעודות ווען מ'האט זוכה געווען צו נאך צוויי שעה של התעלות בצילו פונעם גרויסן גאסט, ווען ביים סוף פונעם גרויסן שלוש סעודות האט מען געזינגען דער לענגערע 'יום ליבשה', מיטן בענטשן מיט 'נודה לשמך' און 'הרחמן' האט הרה"צ רבי יצחק שליט"א מכבד געווען מחותנו קערעסטירער רב וואס איז אויך געזעצן אויפן אויבן-אן פרייטאג צונאכטס און ביי שלוש סעודות אינאיינעם מיט בנו דער בעל שמחה וואס איז מכובד געווארן מיטן בענטשן פרייטאג צונאכטס. נאך תפלת מעריב דורכן רבי'נס זוהן איז געווען קידוש לבנה פארענט פון ביהמ"ד ווען דער ציבור שטייט אויף די פארענטשעס ארום, און נאך די ריקודי טובים מאורות אין ביהמ"ד, א גוטע וואך זאגן און 'ויתן לך' איז געשלאסן געווארן דער שבת של התעלות מיט 'הבדלה' ברוב עם.

**שבת אין ליזענסק - בראשות הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א**

הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א האט ווי באריכטעט געפראוועט א געהויבענעם שבת אין שטאט ליזענסק אינערהאלב דעם מסע התפילות, ווען דער שבת וואס איז אליינס געווען א שבת נועם הנשמות האט זיך געפונען צווישן די צוויי אנדערע הויפטפונקטן פונעם נסיעה, די התעוררות'דיגע תפילות ביים ציון הקדוש פון הרה"ק דער רבי ר' אלימלך זי"ע בפניא דמעלי שבתא, און דעם מעמד בוקע רקיעים ממחרת השבת אין שטאט קיעלץ ביים ציון פון הרה"ק ר' מאטעלע קוזמירער זי"ע בעיצומו של יומא דהילולא קדישא ח' תמוז, וואס ביי דיביידע מקומות הקדושים האט מען פאר עטליכע שעה מתפלל געווען בבכיות עצומות לישועות הכלל והפרט, ווען נאך די תפילות אין קיעלץ האט זיך הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א פארשפארט אליינס אינעם אוהל הקדוש פאר צעהן מינוט. דער חידוש פונעם נסיעה איז געווען דער ריבוי המשתתפים פון אריבער הונדערט נוסעים, און נאך נאנט צו פופציג וועלכע זענען צוגעקומען אויף פרייטאג, שבת און זונטאג, וואס איז א ציפער וואס איז נאך קיינמאל פריער נישט געווען ביי די נסיעות פונעם רבי'נס קינדער.

במשך דער מסע התפילות האט מען פוקד געווען מער וויינעגער די זעלבע מקומות ווי ביים פריערדיגן נסיעה פון הרה"צ רבי יצחק שליט"א אין חודש אייר, און מ'איז באזונדער געפארן צו די קברים פון עטליכע זיידעס פונעם חתן און פון די כלה בת הרב מרדכי גאלדמאן שליט"א, אין קלויזענבורג ביי הרה"ק ר' לוי משה יהודה מראדוויל זצ"ל זיידע פונעם חתן, אין טשעטשאוויץ ביי הרה"ג ר' יוסף גרינוואלד זצ"ל אבד"ק טשעטשאוויץ זיידע פון די כלה מצד הגה"צ אבד"ק קהילתינו זצ"ל, אין סטראפקוב ביי הרה"ג ר' חיים יוסף גאטליב זצ"ל אבד"ק סטראפקוב זיידע פון די כלה מצד הגה"צ דומ"ץ ב"פ שליט"א, אין קארטשעוו ביי הרה"ק ר' אברהם יושע העשיל מלויעוו זצוק"ל, זיידע פונעם חתן. און אין גארליץ ביים ציון פון הרה"ק ר' ברוך מגארליץ זצוק"ל זיידע פון כ"ק האדמו"ר מקאלאשיץ שליט"א שווער פון הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א.

אויסער די תפילות לקראת דער שמחת החתונה הממשמש ובא, איז אויך געפראוועט געווארן א גרויסארטיגער שמחת פארשפיל ביי שלוש סעודות אין באגלייטונג פון כלי זמר, ווען בעפאר דעם טרעט אויף הרה"ג ר' סנדר אויסטערליץ שליט"א מגדולי מלהיבי הנסיעה מיט עטליכע טעמים פארוואס דעם רבי'נס זוהן מעג הערן מוזיק ביים פארשפיל שטייענדיג אינעם שנת האבילות. זונטאג ביים גרויסן סעודת הילולא נאכן עליה לציון אין קיעלץ, האט מען דארט אויפן פלאץ פארטיילט בלעטער פון גמרא און מ'האט געמאכט א סיום מסכתא כדי אז הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א זאל זיך מעגן משתתף זיין ביים סעודה תוך שנת האבילות.

שטייענדיג נאכן פטירה פון די רעבעצין ע"ה האבן די משתתפים אויפן באס פון הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א זוכה געווען ביי איינע פון די וועגן צו הערן שיינע זכרונות פונעם רבי'נס זוהן אויף די מאמע ע"ה און דערציילט איבער די געוואלדיגע כבוד וואס דער רבי שליט"א האט אפגעגעבן פארן שווער דער ישועות משה זצוק"ל, ווען די שאלות ווערן געפרעגט דורך הרה"ח ר' שלמה דוב הערצל שליט"א ממלהיבי הנסיעה. די איינציגסטע ציון ווי הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א האט געזאגט קדיש אין די ימי הנסיעה איז געווען אין שטאט קלויזענבורג ביי די ציון פון הרבנית חיה חנה ע"ה נאך וועם די רעבעצין ע"ה האט געהייסן, אזוויי דער רבי שליט"א האט צענדליגער מאל דערמאנט נאך איר הסתלקות.

## הרה"צ ר' חיים מאיר שליט"א אין בני ברק

הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א וואס האט זיך פארגאנגענעם וואך געפונען אין ארה"ק מתפלל צו זיין לקראת דער שמחת החתונה פון בתו הכלה למז"ט דעם קומענדיגן חודש כסליו, האט דאס מאל געפראוועט דעם שבת כל כולו בחצרות וויז'ניץ בני ברק לרגל די שבתות של שמחה אין די וויז'ניץ'ער הויפן. דעם גאנצן פרייטאג צונאכטס וואס נעמט אריין די תפילות און טיש האט הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א פארווײלט אין מרכז חסידי וויז'ניץ לרגל דער שמחת השבת שבע ברכות, און דעם גאנצן שבת בייטאג וואס נעמט אריין די תפילות, מיטאג טיש און שלוש סעודות האט ער מיטגעהאלטן אין קרית וויז'ניץ לרגל דער שמחת השבת שבע ברכות פון אן אייניקל פונעם פעטער דער וויז'ניץ'ער ראש ישיבה הרה"צ ר' מנחם ערנסטער שליט"א. דאס איז געקומען שוין נאכדעם וואס ער האט זיך משתתף געווען ביי די שמחות החתונות אינמיטן וואך אין בני ברק.

וכבוד גדול עשו לו אין מרכז חסידי וויז'ניץ ווען פרייטאג צונאכטס ביים דאווענען איז דעם רבי'נס זוהן נתכבד געווארן צו שטיין אויפן פלאטפארמע פון די זיידעס און מחותנים, און אין א שטארק-מערקווירדיגן שריט האט איהם דער וויז'ניץ'ער רבי מכבד געווען צו זאגן עקסטערע די קדישים ביים דאווענען און הערשט נאכדעם האבן געזאגט די אנדערע חיובים. ביים טיש וואס הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א האט מיטגעהאלטן מהחל ועד כלה פון 11:45 ביז נאנט צו 5:00 איז ער מכובד געווארן מיטן 'בענטשן', און די צוויי באגלייטער מוה"ר מענדיל סופר הי"ו און מוה"ר אליעזר כהן הי"ו זענען אויסגערופן געווארן ביים טיש מיט וויין און פירות, נישט צו לאנג נאכן טיש איז מען שוין געגאנגען זאגן תהילים, אזוויי תפלת שחרית אין קרית וויז'ניץ האט מען זיך שוין געשטעלט ארום 9:00, ווי ביים דאווענען איז דעם רבי'נס זוהן מכובד געווארן מיט 'שלישי'.

אויך האט זיך במשך גאנץ שבת געפונען אינעם הויף אין מרכז חסידי וויז'ניץ דעם רבי'נס אייניקל הרב חיים מאיר בן הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א וואס האט זיך געפונען דארט אין ארה"ק אינאיינעם מיט בנו החתן יעקב יוסף ני"ו מתפלל צו זיין לקראת דער שמחת החתונה וואס קומט פאר דעם קומענדיגן ווינטער, און איז מכובד געווארן ביי שחרית מיט אן עליה, ביי מנחה מיט 'פתיחת הארון', און ביים טיש פרייטאג צונאכטס מיט א ניגון שמחה, (רבי חיים מאיר האט אנגעהויבן דער סקווירער ניגון 'טוב להודות', ווען דער וויז'ניץ'ער רבי האט איהם אפגעשטעלט זאגנדיג אז דאס קען ער אויך... און דערציילט א סיפור וואס איז געווען ווען דער אמרי חיים האט מכבד געווען דעם ספינקער רבי'ן זצ"ל מיט 'קל אדון' און ער האט אנגעהויבן דער 'וויז'ניץ'ער קל אדון', און דער אמרי חיים האט איהם געזאגט דאס קען איך אויך און געבעטן צו זינגען א ספינקער ניגון, און דער וויז'ניץ'ער רבי האט איהם געבעטן אנצוהייבן א סקווירער ניגון וואס ער קען נישט, און רבי חיים מאיר האט אנגעהויבן דער סקווירער ניגון שמחה 'רחם בחסדך'). בנו החתן יעקב יוסף איז מכובד געווארן מיט 'הגבהת הכוס' צו קידוש ביי שלוש סעודות, און מיט 'הגבה' ביי מנחה ווען מיט 'גלילה' איז מכובד געווארן דעם רבי'נס אור-אייניקל הבחור מרדכי פינחס בן הרב יעקב יוסף בן האדמו"ר מראחמסטריווקא שליט"א וועלכע לערנט אין ארה"ק.

אין אנדערע נייעס איז אין די טעג באקאנט געווארן אז כ"ק האדמו"ר מוויז'ניץ שליט"א וועט אין די קומענדיגע וואכן אנקומען צום קרית מלך רב און פראווענען אן ערשטמאליגער שבת במחיצת קדשו פון גיסו הגדול כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, נאך עטליכע יאר וואס דער וויז'ניץ'ער רבי האט שוין מערערע מאל ארויסגעברענגט זיין שטארקע תשוקה אויף דעם. ווי עס הייסט וועט דער וויז'ניץ'ער רבי קומען אויף דעם קומענדיגן שב"ק פרשת מטו"מ שבת מברכים מנח"ם אב, צוזאמען מיט אן ענגע סוויטע פון בנו יחידו, זיין עלטסטן בן אחר בן, און נאך געציילטע גבאים און מקורבים וואס זענען ערלויבט געווארן מיטצוקומען אויפן היסטארישן שבת.

אזוויי הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א האט דעם גאנצן שבת מיטגעהאלטן בחצרות וויז'ניץ, און עס איז נישט אויסגעקומען צו פראווענען גארנישט פון די חלקי השבת צוזאמען מיט אנשי שלומינו אין שטיבל, איז הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א נאך שלוש סעודות אין וויז'ניץ געפארן צום שטיבל ווי ער האט געדאווענט מעריב דינענדיג אלץ שליח ציבור, דערנאך האט ער זיך אנטשולדיגט ברוב עם אויף דעם וואס ער האט נישט געקענט פראווענען דעם שלש סעודות מיט ציבור אנשי שלומינו ווי עס איז מתחילה געווען דער פלאן, דערציילנדיג א סיפור פון החסיד המפורסם ר' אשר סופר זצ"ל וואס האט געטוהן עפעס וואס ער וואלט באמת נישט געוואלט כדי אז עס זאל שטימען מיט יעדן איינעם. הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א האט געזאגט 'ויתן לך' און געמאכט 'הבדלה' און 'קידוש לבנה' מיט ציבור אנשי שלומינו, און פון דארט זיך ארויסגעלאזט צום לופטפעלד אויפן וועג קיין מאליבו.

די חלקים וואס אנשי שלומינו תושבי ארה"ק האבן זוכה געווען זיך מתחמם צו זיין לאורו במשך די ימי הנסיעה אויסער מוצאי שבת, איז געווען די תפילות ביי עטליכע פון די מקומות הקדושים, ווי דער 'כותל המערבי' צוויי מאל און 'מערת המכפלה' ווי הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א האט געזאגט דער 'יהי רצון' נאך תהילים מיט קדיש, ווען ביים מסיבה נאך שחרית ביים כותל אינאיינעם מיט א ציבור מאנשי שלומינו האט ער איבערגעגעבן א לענגערע שמועס פאר ארום א האלבע שעה, און ביים קבר רחל, און די אנדערע מקומות הקדושים ווי 'מירון צפת טבריה והגלילות', דער 'וויז'ניץ'ער בית החיים' אין בני ברק, און 'הר המנוחות' און 'הר הזיתים' איז ער געגאנגען פריוואט מיט בתו הכלה ווי דער מנהג פאר א חתונה. אויסער דעם האט הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א געפראוועט א רייע מסיבות און מעמדים מיט אנשי שלומינו, ווי א סעודה און שמועס פאר די תלמידי הכולל אין ירושלים און נאך, דער שפיץ איז געוויס געווען דער גרויסער מעמד 'הנחת אבן הפינה' פארן נייעם בנין השטיבל אין רמה ד' אין בית שמש דאנערשטאג נאכט, ווי דעם רבי'נס זוהן האט אויך איבערגעגעבן א שיחת הדרכה והתחזקות פאר א שעה צייט, אויך האט הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א אפגעראכטן א באזונדערע באזוך במעונו פונעם דומ"ץ הקהילה הרה"ג ר' הערש מיילעך גאלדקלאנג שליט"א וואס וואוינט דערוויילע אין ירושלים.

ווי געזאגט האט זיך הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א משתתף געווען ביי די חתונות בבית וויז'ניץ, און זיך געפונענדיג אינעם שנת האבילות האט ער זיך בלויז משתתף געווען ביים קבלת פנים און חופה, ביים חתונה פון אן אייניקל תיכף פון כ"ק האדמו"ר מוויז'ניץ שליט"א דינסטאג - ביים קבלת פנים און חופה, ביים חתונה פון אן אייניקל פון הרה"צ ר' מנחם ערנסטער שליט"א ראש ישיבת וויז'ניץ מיטוואך - ביים קבלת פנים. אויך האט ער זיך מיטוואך באטייליגט ביים שמחת החתונה פון א זוהן פון ריעו ווידיד נעוריו הרה"צ ר' שריהו טווערסקי שליט"א מטריסק ומחשובי אנשי שלומינו אין מאנטריאל - ביים קבלת פנים און חופה. צווישן זיינע באזוכן במשך'ן נסיעה האט הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א אויך מנחם אבל געווען בשליחות הקודש ביי איש הציבור הרב אריה דרעי וואס האלט אן א שטארקן קשר מיטן רבי'ן שליט"א, און האט דארט פארעלייגט א ספעציעלע מכתב תנחומין וואס דער רבי האט געשיקט פאר איהם. אויך האט דעם רבי'נס זוהן באזוכט ביי כ"ק האדמו"ר ממאחנאווקא-בעלזא שליט"א, ווי ערשב"ק איז ער באזונדער אנגעקומען זיך משתתף זיין ביי א סעודת ברית בבית מאחנאווקא-בעלזא.

די תפילות במשך'ן נסיעה וואס הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א האט געדאווענט פארן עמוד שטייענדיג אין די יאר האט ער געדאווענט: צוויי תפילות שחרית אינעם טשערנאביל'ער קלויז אין צפת, מנחה און מעריב ביים ציון הרשב"י אין מירון, א תפלת שחרית און מעריב באישון ליל ביים כותל, תפילות שחרית און מנחה אין ירושלים'ער שטיבל, תפילות שחרית און מעריב אין בני-ברק'ער שטיבל, א תפלת מעריב אין בית שמש. תפלת מנחה דינסטאג און מיטוואך איז געווען אינמיטן די שמחות החתונות, דינסטאג תיכף נאכן קבלת פנים אין מרכז חסידי וויז'ניץ פארן חופה דארט אין זאל, און מיטוואך תיכף נאכן חופה בבית טריסק דארט אין זאל ווי מ'האט ביי ביידע פלעצער נישט געזאגט קיין תחנון.

מעסעדזשעס מיט הוספות והערות וואס ערשיינען מזמן לזמן - ווי אויך ארייניצושטעלן באגריסונגען גרעסערע און קלענערע קען מען לאזן אויף: 845-445-9295